**פילם 1: איבער די וואסער מוזיאום**

די וואסער מוזיאום איז די מוזיאום פון די שוועדישע וואסער היסטאריע און געפונט זיך אויף א פיער אויף די היסטארישע אינזל פון סטאמהאלמען אין קארלסקראנע. די הערליכע נייע געביידע איז געעפענט געווארן אום 1997 ווען די מוזיאום האט זיך אוועקגעצויגן פון די קעבין בוי לאדגינגס ביי די נעוועל האפן.

די נעוועל מוזיאום גייט צוריק צו 1752 ווען די מאדעל טשעמבער אין סטאמהאלמען איז געגרידעט געווארן דורך קעניג אדאלף פרעדריק. די די טשעמבער האט אנטהאלטן א צאל שיפן און דעזיין מאדעלן וואס איז גענוצט געווארן, דורכאויס יענע צייט, צו אונטערזוכן פארשידענע טעכנישע עצות און שיף דעזיינס. היינט זענען די מאדעלן אין די געליאן זל, א אייגארטיגע, איינס אין וועלט זאמלונג פון מוזיאום שיפן וואס פארמירט די פונדאמענט פון אונזער מוזיאום. אום יוני 2014 האט זיך די סובמארין זאל געעפענט מיט די HMS נעפטאן אלס איר ציהל. די מוזיאום האט אויך א אביעקט זאמלונג, בילדער ארכיוון, א לייבערי און פארשונג.

יעדעס יאר קומען ארום 250,000 באזוכער, האלב פון אויסלאנד. די נעוועל מוזיאום איז א וויכטיגע טרעף פלאץ אין די בלעקינגע ראיאן, פול מיט אקטיוויטעטן און אווענטן דורכאויס דעם יאר.

**פילם 1: באזוכער אינפארמאציע**

**דירעקציעס**
די נעוועל מוזיאום געפונט זיך אויף סטאמהאלמען אינזל אין צענטרעל קארלסקראנע, א צען מינוטיגע שפאציר פון דאונטאון. הייבט אן ביי די טוריסט אפיס אויף סטארטארגעט, גייט נאך קיראגאטאן אראפ די בארג, גייט אריבער דראטנינגאטאן ביז צום שטאקהאלם בריק.

אויב קומט איר צו די קארלסקראנע טרעוועל צענטער, גייט נאך די פלאטפארמע דורכאויס אסטרע האמנגאטאן פאר ארום 20 מינוט ביז די מוזיאום.

מיט א קאר: E22 ביז צו די הייוועי בי דאונטאון קארלסקראנע. מאכט א לינקס ביי די מארינע אויף אסטרע האמנגאטאן, און פאלגט נאך די טאוועל צו נעוועל מוזיאום פארקינג.

קיינע קארס זענען ערלויבט אויף סטאמהאלמען אויסער הענדיקעפ פארקינג אינדרויסן פון די מוזיאום אריינגאנג.

צוטריט
די מוזיאום געביידע איז מאדערן, לופטיג און מיט עלעוועיטערס, צוטריטבאט מיט רעדערבענקלעך און וועגעלעך. די אונטערוואסער טונעל האט עלעוועיטארס ביי ביידע זייטן. די רעסטוראנט האט גרינגע צוטריט פאר רעדערבענקלעך און האט טישן צוגעשטעלט פאר רעדערבענקלעך. עס איז א בעיבי קעיק שטוב און הענדיקעפ ארויסגאנג צימערן. הענדיקעפ פארקינג איז נעבן די אריינגאנג.

רעדערבענקל צוטריט אויף די HMS נעפטון
די נעפטון'ס אונטערשטע דעק האט פלאץ פאר רעדערבענקלעך ביז 60 צענטימעטער ברייט. אויף די אויבערשטע דעק ווי א טור ווערט געוויזן, האלב פון די אויבערשטע און א טייל פון די אנדערע האלב האט צוטריט, אבער די מאשין שטוב נישט.

פאמיליע
די נעוועל מוזיאום האט פילע אקטיוויטעטן פאר יונג און אלט. אויף די דונדערס דעק קענט איר זיך אנטון ווי א שיפלער, קריכן אויף די שטריק, פירן א מיסיל שיף, נוצן די קאמיוניקאציע ראדיא אדער פרובירן די באלאנס פון א ראקעט שיף. די שיף סימיולעיטאר העלפט עלטערע קינדער פארשטיין צו פירן א שיף. קינדער פון 6-12 יאר וועלן הנאה האבן פון די שיפלערס ווארקשאפ און נעוועל טריקס. אום זונטאגס אין פרילינג און הערבסט האבן מיר זונטאג מיט קאנצערטן, קרעפטס, שפילערייען און נאך. קוקט נאך די טעג אויפן וועבסייט.

גרופע באזוכן
גרופעס קענען אראנדזשירן א קוואליפיצירטע גייד זאל ווייזן די וואסטערוויק טארפידא שיף אדער סיי וועלכע פון די עקזיבישאנס. דאס מוז אראדזשירט ווערן אמווייניגסטנס איין וואך פאראויס.

- אראנדזשיר גרופע באזוכן

שולע
אונזער ציהל איז אז לערער און סטודענטן זאלן נוצן די מוזיאום און אירע עקזיביטס ווי ערציאונג מאטריאל און ווי א נאטורליכע קאמלעמענט פאר קראסרוס אנווייזונגען. מיר פרובירן צו אנטוויקלן ערציאונג מעטאדן און מאדעלן באזירט אויף שולע ציהלן

- פלאנירטע לעקציעס מיט אונזערע מוזיאום ערציער (אין שוועדיש)
- זעלבטס-אנווייזונגען מאטריאל (אין שוועדיש)

מוזיאום געשעפטן
ביי די מוזיאום געשעפט האבן מיר געדזשעטס, געשאנקן, סאווענירס, היים דעקאראציעס מיט מארין טעמעס. אונזער בוך געשעפט האט ביכער מיט ים און מיליטערישע היסטאריע. די זעלבע שטונדן ווי די מוזיאום.

רעסטוראנט
אונזער רעסטוראנט, מיט א בליק פון שטאקהאלם'ס היסטארישע אויסשטעל און מוזיאום שיפן, שטעלט צו קאפי, מיטאג, טאלאט באפעי, א לא קארטא דישעס און קעיטערינג. קינדער באקומען א הנחה פאר עסן. דורכאויס זומער, האט הנאה פון די געשמאקע עסן ביי אונזער פאפולערע דרויסנדיגע קאפע.

**פילם 3: מוזיאום שיפן און סלאפ און בארק שעד**

מוזיאום שיפן
די מוזיאום שיפן געפונען זיך ביי די נעוועל מוזיאום האפן. דורכאויס זומער קענט איר באזוכן טייל פון די שיפן.

די בארקס
אין די צייט פון גרויסע סעילינג שיפן זענען בארקס גענוצט געווארן צו טראנספארטירן וויכטיגע זאכן און שטאב צווישן די שיף און לאנד, ווי אויך צו פראקציטירן שיפלעריי. די צען בארקס ביי די נעוועל מוזיאום זענען פון די 1800 יארן און ווערן געהאלטן ביי די סלאפ און בארק שעד. עס ווערט נאכאלץ ארויסגעלייגט אין וואסער דורכאויס זומער, און אפי' פאר געיעגן, דאס מאכט דאס ווארשיינליך פאר די עלצטע שיפן אין די וועלט וואס ווערט נאך אלץ גענוצט פאר פארמעסטן.

די יאראמאס פול ריגד שיף
ביי די ענד פון די פיער איז די יאראמאס, איינס פון די וועלטס קלענסטע פול ריגד שיפן. יאראממאסהאט איבערגעלאזט די קארלסקראנע שיפיארד אום 1900 צו ווערן א טרעניררונג שיף פאר די קעבין בוי קארפס. די שטאב האט געהאט 118 מענטשן, אריינגערעכנט 92 קאבין יונגלעך. ווען די קעבין בויס קארפס האט זיך אויפגעלעזט אום 1939, איז די יאראמאס אריבערגעפירט געווארן צו די נייע סיעמאנס שולע ביז 1946. פון 2005 איז די יאראמאס איבערגעמאכט געווארן צו איר ארגינעלע צושטאנד.

HMS ברעמאן
די ברעמאן איז די לעצטע פון 14 שוועדישע מינעזיכער פון די צווייטע וועלט קריג. איר ארבעט איז געווען צו אונטערזיכן שוועדישע וואסערן פון דייטשע מינעס, ווי אויך צו לייגן די שוועדישע. מערסטנס פון די 1940 מעבל פון די אייגנארטיגע קריגס שיף אין נאך דא. באזוכער קענען שפירן די שטארקע און מעכאנישע אטמאספערע פון די שיף פון די יענע צייט.

T 38 מאטאר טארפידא שיף
אין די 1950 יארן, די T 38 איז געווען א טייל פון די שוועדישע קאוסט גארד באמיאונגען צו אטאקירן דעם פיינט דורך טארפידאס און ארויסלייגן מינעס. די טארפידא שיפן האבן געווארט אין די באשיצטע ארכיפעלאגא פלעצער גרייט צו שנעל אטאקירן פיינטליכע מיליטערישע שיפן. די T 38 האט געהאט טארפידאס, אנטי-עירקרעפט גאנס און מאשין געווער, און ווערט אויפגעהאלטן דורך די פריינד פון די די T 38.

HMS וואסטערוויק
די וואסטערוויק איז אריין אין דינסט אום 1975 אלס א טארפידא שיף, אבער האט שפעטער אויך געטראגן מיסילס. אום 1981 האט די וואסטערוויק באקומען אינטערנאציאנאלע אויפמערקזאמקייט ווען די רוסישע U137 סובמארין האט געזינקען אין די קארלסקראנע ארכיפעלעגא, און טייל רוסישע אפיצירן זענען אויסגעפארשט געווארן אויפן שיף. די וואסטערוויק איז ארויס פון דינסט אום 1997 און איז געבליבן אומגעטוישט זינט דאן.

סלאפ און בארק שעד
די סלאפ און בארק שעד מיט איר אינטערסאנטע אייער-קארטאן דאך איז נעבן די נעוועל מוזיאום. עס איז געבויעט געווארן אום 1787 אלס א סטארעדזש פלאץ פאר די נעווי'ס קליינע שיפן, בארקס און סלופן. היינט איז די סלאפ און בארק שעד א לעבעדיגע טייל פון די מוזיאום און ווערט גענוצט צו בויען, אויפהאלטן און האלטן בארקס, סלופן און ראושיפן א גאנץ יאר. עס אנטהאלט אויך די קליינע נעוועל שיפן עקזיבישאן.

**פילם 4: עקזיבישאן**

די עקזיבישאנס פון די נעוועל מוזיאום פארציילט די היסטאריע פון די שוועדישע נעווי פון מערערע קוקווינקלען. אויסער פערמענאנטע עקזיבישאנס, זענען אויך דא צייטווייליגע.

געליאן זאל
די געליאן זאל איז די שטאלץ פון די מוזיאומס, און האט ווארשיינליך די בעסטע זאמלונג פון פיגערהעדס. די הילצענע סקולפטורס וועלכע זענען אמאל געשטאנען פארנט פון די שוועדישע קריגס שיפן זענען עטליכע מעטער הויך און זייער איינדרוקספול. אלע פון זיי זענען געווען פארמישט אין גרויסע ים שלאכטן, מייסטנס אום 1788-90 ווען שוועדן איז געווען אין קריג מיט רוסלאנד. מייסטענס פון די פיגערהעדס זענען געמאכט פון פיין האלץ דורך דעם סקולפטאר יאהאן טארנסטארם אין די 1700 יארן.

**מעסטערי**
די עקזיבישאן שילדערט די גרויסע ים שלאכטן און קריגס פלענער אין אונזערע היסטאריע ביכער, ווי אויך די טעגליכע לעבן אויף די שוועדישע קריגס שיפן אין די צייט פון די סעילינג שיפן פון די 1500 ביז די 1800 יארן.

**מאדעל טשעמבער**
די מאדעל טשעמבער האט זיך אנגעהויבן אום 1752 דורך קעניג אדאלף פרעדריק וואס האט געוואלט פרעזערווירן אלע מאדעלן וועלכע זענען געבויעט געווארן אין די קארלסקראנע שיפיארד פאר די צוקונפט. די מאדעל טשעמבער אנטהאלט א געמיש פון שיף מאדעלן, דיזיינס, באצירונגען, און ארטיסטישע און ארכיטעקטישע מאדעלן. היינט ווערן די ערליכע ארגינעלע מאדעלן געוויזן אין די מאדעל טשעמבער עקזיבישאן, און גיבט אונז א בליק פון די אינדזשענירונג און בליק אין די 1700 יארן.

**אונטערוואסער טונעל – קומט אן אונטן**
שיף אפפאל און אנדערע איבערבלייבענישן ווערן זייער גוט פרעזערווירט אינעם באלטישן טייך, און שטעלט אונז צו וויכטיגע אינפארמאציע איבער אונזער היסטאריע. די עקזיביט "קומט אן אונטן" איז איבער מארין ארכילאגיע, און גיט צו פארשטיין ווי אפפאל קען געפונען ווערן אינעם באלטישן טייך, ספעציעל אין די קארלסקראנע געגענט. אינדרויסן פון די פענסטער פונעם טונעל איז דא א עכטע אפפאל פון די 1700 יארן.

אנגעצויגנקייט אויפן אויבערפלאך – די קאלטע קריג אינעם באלטישן ים 1979-89
די עקזיבישאן ווייזט די לעצטע צען יאר פון די קאלטע קריג פון א שוועדישע נעוועל פערספעקטיוו, און קאנטראסירט ציווילע און מיליטערישע געזעלשאפט. אין די צייט וואס די שוועדישע מיליטער איז געווען אויסגעשטעלט צו קריגס צושטאנד מיט פרעמדע סובמארינען אין די ארכיפעלעגאָ און מערערע אינצידענטן אינעם באלטישן ים, האט די ציווילע געזעלשאפט פון יענע עפאכע ארויסגעוויזן הערליכקייט, פארדינט געלט און געבליט מיט פאפ קולטור. די עקזיבישאן רעכנט אריין פערזענליכע געשיכטעס און אייגנארטיגע אביעקטן פון די קאלטע קריג עפאכע.

לאנד הא
היינטיגע שיפן ווייסן ווי זיי געפונען זיך, אבער וואס האט מען געטוען אן GPS און קאמפעס? די פראגע ווערט פארענטפערט אין די "לאנד הא" עקזיבישאן איבער די קונץ פון נעוויגאציע. וויאזוי די שטערן זענען גענוצט געווארן פאר נעוויגאציע, און וויאזוי האט א שיפלער געוויסט אויב ער דערנענטערן זיך צו באהאסלען אדער גאטלענד? די עקזיבישאן ווייזט אויך נעוויגאציע אינסטרומענטן.

קלענערע ים שיפן
די עקזיביט פארציילט איבער די נעווי'ס סלפ'ס בארקס און אנדערע קליינע שיפן וועלכע האבן אמאל באלאנגט צו טייל פון די גרעסטע נעוועל שיפן. די קליינע שיפן זענען גענוצט געווארן פאר וויכיגע מיסיעס, און איז געווען קריטיש פאר די שטאב פון די גרויסע שיפן. זיי האבן געפירט שטאב מיטגלידער, עסן, מאטריאל און אנדערע וויכטיגע זאכן צווישן די שיף און לאנד. אבער עס איז אויך גענוצט געווארן ווי לייפבאוטס און טרענירונג שיפן אויסצולערנען שיפלער די פונדאמענטן פון שיפלעריי.

פילם 5: סובמארין

אום יוני 2014 האט די נעוועל מוזיאום געעפענט א נייע אטראקציע – סובמארין האל, קאנצעטרירט איבער די **HMS** נעפטאן סובמארין. אין די סובמארין האט באקומט דער באזוכער נאנטע קאנטאקט מיט א עכטע סובמארין פון די קאלטע קריג עפאכע. די סובמארין האל אנטהאלט אויך די ערשטע שוועדישע נעוועל סובמארין, האיאן, געבויעט אום 1904, ווי אויך א עקזיבישאן וואס פארציילט די 110 יאר היסטאריע פון די סובמארינס. די סובמארין האל איז א אייגנארטיגע איבערלעבעניש וואס שיינט א ליכט אין די לעבן אויף א סובמארין, פון יעדן טאגיגע רוטינס ביז נויטפאל אומשטענדן.

די נעפטאן גיבט אייך די געלעגנהייט מיטצולעבן אינעווייניג פון א סובמארין. אונזערע באזוכער האבן פרייע צוטריט צו די אונטערשטע דעק, און קענען זעהן די אויבערשטע דעק דורך א דראמאטיזירטע צייגעניש וואס ווערט געגעבן מערערע מאל א טאג, און עס פאדערט זיך אז איר זאלט קויפן א ספעציעלע בילעט ביי די טיר.

די HMS נעפטאן

די **HMS** נעפטאן איז אריין אין דינסט אום 1980, און באלאנגט צו די ערשטע דור פון קאמפיוטער-אויסגעשטאטעטע שוועדישע סובמארינען. איר מיסיע אין א קריגס צושטאנד איז געווען צו פאראויסרוקן וואפן צו אטאקירן און פארניכטן וואסער ציהלן, ווי אויך זאמלען שפיאנאזש דרך סורוועילענס. נאך בלויז איין יאר איז די נעפטאן געווען פארמישט אין א דראמאטישע אינצידענט ווען א סאוויעטישע סובמארין איז ארויפגעשווימען אינדרויסן פון קארלסקראנע. די נעפטאן און אנדערע נעוועל שיפן זענען געווען גרייט צו נעמען שריט אויב זענען סאוויעטישע שיפן אריייננגעקומען אין שוועדישע וואסערן.

אפילו אין פרידנסצייט איז די נעפטאן גענוצט געווארן פאר וויכטיגע שפיאנאזש זאמלונג מיסיעס אינעם באלטישן ים. די פונטליכע דאטומען זענען נאכאלץ שטרענג מיליטערישע אינפארמאציע. די נעפטאן האט א שטאב פון ארום 20, מייסטענס אפיצירן אבער אויך עטליכע דרעפטירע. מיסיעס גדויערן געווענליך עטליכע טעג אבער קען אויסגעצויגן ווערן פאר וואכן ווען עס פעלט איס.

די נעפטאן איז ארויס פון דינסט אום 1998, און איז געליגן פארזיכערט אין די קארלסקראנע נעוועל האפן ביז עס איז איבערגעגעבן געווארן פאר די נעוועל מוזיאום אום 2007. דא איז עס אריבערגעגאנגען א דרויסנדיגע איבערפרישונג, און מוזיאום צופאסונג, מיט דריי טירן וועלכע זענען געעפענט געווארן אין איר. אום סעפטעמבער 2012 איז די נעפטאן פלאצירט געווארן אויף לאנד נעבן די מוזיאום אין א סטעינלעס סטיל געביידע וואס איז ארכיטעקטיש אינספירירט פונעם נעוועל וויסבי קארוועט, בונקערס און בולווארקס. נאך די וואסא ביי די וואסא מוזיאום איז די נעפטאן די גרעסטע ארייגעבויעטע מוזיאום אביעקט אין שוועדן.

העיען

די העיען איז אריין אין דינסט אום 1904 אלס די ערשטע שוועדישע נעוועל סובמארין און האט געהאט דריי טארפידאס א עלעקטראנישע ענדשין א[פאר אונטערוואסער אפעראציעס, און די קעראסין מאטאר פאר שווימען און טשארדזשען באטעריעס. די העיען האט געקענט זיין אונטערוואסער פאר 13 שטונדען, און האט געהאט קנאפע באקוועמליכקייטן פאר איר 8 מאן שטאב.

אום 1905 האט די העיען באדארפט גענוצט ווערן אין די נארוועגיע אפשיידונג קריזיס אבער איז אויסגעפירט געווארן. עווענטועל איז די העיען גענוצט געווארן צו טרענירן נייע סובמארין שטאב, ספעציעל דורכאויס די צווייטע וועלט קריג. אירע וואפענס זענען אראפגענומען געווארן אום 1919 און עס איז אריס פון דינסט אום 1922. אום 1940 איז עס געווען ארויסגעשטעלט אין א מוזיאום. טראץ אמביציעס צו פרעזערווירן די העיען זענען אירע ענדזשינס און אנדערע געצייג אראפגענומען געווארן אום 1920, און בלויז די שעל פון די היסטארישע שיף איז פארבליבן. אום 1997 איז די העיען פלאצירט געווארן אינדרויסן פון די ניי געבויעטע נעוועל מוזיאום, און שפעטער אין די סובמארין האל.

פילם 6: זאמלונגען

אונזער זאמלונג באשטייט פון אביעקטן, פלענס, אלטע דאקומענטן, בילדער און ביכער וואס שפיגלט אפ אנטוויקלונגען פון נעוועל פארטיידיגונגס דורכאויס די יארן. טייל זענען ארויסגעשטעלט, אבער אסאך זענען אוועקגעלייגט און אין ארכיוון, אבער קען געפינען ווערן דורך אונזער וועבסייט.

אביעקט זאמלונג

די זאמלונג האט מער ווי 55,000 אביעקטן, אריינגערעכנט דעטאלירטע שיף מאדעלן פון די 1700 יארן, עלעגאנטע קאמפעסן, מעבל, קאך געצייג, מאריטיים פעינטינגס, גרויסע קאנאנען, שיף בויען געצייג, טעכנאלאגישע מאשינען און יוניפארמען. נייע אביעקטן ווערן נאכאנאנד צוגעלייגט כדי צוצושטעלן נייע היסטארישע פערפעקטיוו.

ארכיוון

די ארכיוו האט ארום 4,000 פלענס, מאפעס און ים טשארטס, ווי אויך 250 שעלף-מעטער פון דאקומענטן. אונזערע מאפעס, מעלערייען און אנדערע דאקומענטן פארציילן פון די שוועדישע נעוועל היסטאריע. די ארכיוו איז אפען פאר די פובליק, און איר זענט געלאדענט צו קומען באזוכן.

- שטונדען ווען די ארכיוון זענען אפען (*אין שוועדיש*)

בילדער ארכיוו

די ארכיוון אנטהאלט ארום 500,000 בילדער און פילמס, די עלצטע בילדער איז פון די 1870 יארן. לעצטענס האבן מיר ערהאלטן די קארלסקראנע שיפיארד בילדער זאמלונג פון 1930 ביז 2000 מיט ארום 175,000 בילדער. די ארכיוון אנטהאלט בילדער פון די שיפיארד, נעוועל אקטיוויטעטן, נעווען שיפן, געביידעס און מער.

די לייבערי

די נעוועל מוזיאום האט א פארשונג און רעפערענס מיט ביכער איבער אלעס פון נעוועל ארגעניזאציע ביז טעכנעלאגיע און שיפבויעריי, ווי אויך איבער פיגערהעדס, דאס לעבן אויפן שיף, ליסטע פון נעוועל אפיצירן, נאטישע ווערטערביכער און אנדערע טעמעס פארבינדן מיט נעווען היסטאריע. די לייבערי האט טייל פון די לייבערי פון שיף דיזיינער און שיפיארד

אדמיראל פרעדריק הענריק אף טשאפמאן.

- שטונדען ווען די לייבערי איז אפען (*אין שוועדיש*)